# אַ מעשה מיט אַ רב און מיט אַ בן־יחיד

מעשה. אַמאָל איז געווען אַ רבֿ. דער רבֿ האָט קיין קינדער נישט געהאַט. דערנאָך האָט ער געהאַט אַ בן־יחיד. האָט ער אים מגדל גע־ווען און האָט אים חתונה געמאַכט.

און ער, דער בן־יחיד, פֿלעגט זיצן שטענדיק אין איבערשטיבל און לערנען, אַזוי ווי דער סדר איז בײַ גבֿירים. ער האָט תּמיד רק געלערנט און געדאַוונט.

נאָר ער האָט בײַ זיך געפֿילט, אַז עס פֿעלט אים עפּעס אַ חסרון. נאָר ער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס דער חסרון איז.

האָט ער קיין טעם נישט געפֿילט אין דעם לערנען און אין דעם דאַוונען.

האָט ער דאָס דערציילט פֿאַר צוויי יונגע לײַט.

האָבן זיי אים אַן עצה געגעבן, אַז ער זאָל פֿאָרן צו דעם און דעם צדיק.

און דער בן־יחיד האָט געטאָן אַ מצווה, וואָס דורך דער מצווה איז ער געקומען צו דער בחינה פֿון מאור הקטן [1].

*

און דער בן־יחיד איז געגאַנגען און האָט דערציילט זײַן פֿאָטער, באַשר ער פֿילט נישט קיין טעם אין דעם דאַוונען און לערנען און אַנדערע מצוות, כּנ״ל, און ס׳פֿעלט אים עפּעס, און ער ווייסט נישט וואָס, בכן וויל ער פֿאָרן צו דעם צדיק.

האָט אים דער פֿאָטער געענטפֿערט:

---

[1] (בראשית) דער מיסטישער סימבאָל פֿון ווייניק ליכט (נישט אייגן ליכט).

— ווי קומסטו פאָרן צו אים? דו ביסט דאָך מער למדן פאַר אים, מער מיוחס פאַר אים. עס שטייט דיר נישט אָן צו פאָרן צו אים. זאָלסט זיך גאָר אויף דעם וועג נישט לאָזן.

האָט ער אים מיט די דאָזיקע רייד זײַנע נישט דערלאָזט צו פאָרן צום צדיק.

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער געזעצט לערנען.

האָט ער ווידער אַ מאָל געפילט דעם חסרון כנ״ל.

האָט ער זיך ווידער אַ מאָל אָן עצה געהאַלטן מיט די מענטשן, כנ״ל.

און זיי האָבן אים ווידער, ווי פריִער, די עצה געגעבן, אַז ער זאָל פאָרן צו דעם צדיק.

איז דער בן־יחיד ווידער געגאַנגען צו זײַן פאָטער.

און זײַן פאָטער האָט אים ווידער אָפּגערעדט און האָט אים אָפּגעהאַלטן פון פאָרן, כנ״ל.

און אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל.

און דער זון הנ״ל האָט אַלץ געפילט, אַז עס גייט אים עפּעס אָפּ. האָט ער זייער שטאַרק געבענקט, ער זאָל ממלא זײַן דעם חסרון. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס דער חסרון איז אַזוינס, כנ״ל.

איז ער נאָך אַ מאָל געקומען צום פאָטער און צו אים זייער צוגעשטאַנען, ביז דער פאָטער האָט געמוזט מיט אים פאָרן, מחמת ער איז געווען בײַ אים אַ בן־יחיד.

און דער פאָטער האָט צו אים געזאָגט:

— זע, איך וועל מיט דיר פאָרן, וועל איך דיר ווײַזן, אַז דער צדיק האָט קיין ממשות נישט.

האָבן זיי אײַנגעשפּאַנט דעם וואָגן און זײַנען אַוועקגעפאָרן.

און דער פאָטער האָט געזאָגט צום זון:

— אָט מיט דעם וועל איך אויספּרווון. וועט זיך אַלץ אָנדערש פירן כסדר, איז עס מן השמים. אַז נישט, איז נישט מן השמים, אַז מיר זאָלן פאָרן. וועלן מיר זיך אומקערן.

זײַנען זיי געפֿאָרן.

ווי זיי זײַנען אַזוי געפֿאָרן, זײַנען זיי צוגעקומען צו אַ קלײנעם בריקל.

איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ פֿערד, און די בריקע האָט זיך איבערגעקערט. און זיי זײַנען בײדע שיִער נישט דערטרונקען געוואָרן.

האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט:

— זעסטו, אַז עס גײט נישט כּשורה. די נסיעה איז נישט מן השמים.

האָבן זיי זיך אומגעקערט.

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער גענומען צו זײַן פֿריִערדיקן דרך, הײַנו, צום לערנען.

און ער האָט ווידער געזען, אַז עס גײט אים עפּעס אָפּ, נאָר ער וויס נישט וואָס. איז ער ווידער צוגעשטאַנען צום פֿאָטער, כּנ״ל.

האָט דער פֿאָטער געמוזט מיט אים נאָך אַ מאָל פֿאָרן.

און אַז זיי זײַנען געפֿאָרן, האָט דער פֿאָטער ווידער אַ מאָל געמאַכט אַ סימן, כּנ״ל, אויב עס וועט אָפּגײן אַלץ כּשורה.

און עס האָט זיך געמאַכט, אַז פֿאָרנדיק זײַנען צעבראָכן געוואָרן בײדע אַקסן. האָט צו אים דער פֿאָטער געזאָגט:

— זע, עס גײט אונדז נישט, אַז מיר זאָלן פֿאָרן. וואָרעם איז דאָס דען אַ דרך הטבֿע, אַז בײדע אַקסן זאָלן צעבראָכן ווערן. וויפֿל מאָל איז מען געפֿאָרן מיט דער בריקע, האָט אַזוינס נישט געטראָפֿן.

און זיי האָבן זיך ווידער אומגעקערט.

*

און דער בן־יחיד האָט זיך ווידער גענומען צו זײַן פֿריִערדיקן דרך, הײַנו, צום לערנען. האָט ער ווידער געפֿילט דעם חסרון, כּנ״ל.

און די יונגע לײַט האָבן אים אַלץ אָנגערעדט, ער זאָל פֿאָרן.

איז דער בן־יחיד ווידער געגאַנגען צום פֿאָטער און צו אים צוגעשטאַנען, כּנ״ל.

האָט ער געמוזט מיט אים פֿאָרן נאָך אַ מאָל.

און דער בן־יחיד האָט געזאָגט צום פֿאָטער, אַז „מיר זאָלן שוין מער נישט מאַכן אַזוינע סימנים״. וואָרעם דאָס איז דער דרך הטבֿע, אַז עס פֿאַלט אַ מאָל אַ פֿערד אַראָפּ, אָדער אַז עס זאָלן אָקסן צע־בראַכן ווערן; סײַדן, עס וועט עפּעס זײַן גאָר אַ ווילדע זאַך.

און זיי זײַנען געפֿאָרן און זײַנען אָנגעקומען נעכטיקן אין אַ קרעטשמע.

האָבן זיי געפֿונען דאָרט אַ סוחר.

און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן, אַזוי ווי דער סדר איז פֿון סוחרים.

און זיי האָבן אים נישט געזאָגט, אַז זיי פֿאָרן צו אַ גוטן ייִדן.

וואָרעם דער רבֿ האָט זיך געשעמט זאָגן, אַז ער פֿאָרט צום צדיק.

האָבן זיי געשמועסט וועגן וועלטזאַכן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שמועסן פֿון גוטע ייִדן; ווו עס געפֿינען זיך גוטע ייִדן.

האָט דער סוחר זיי דערציילט, אַז דאָרטן געפֿינט זיך אַ גוטער ייִד, און דאָרטן, און דאָרטן.

האָבן זיי אָנגעהויבן צו שמועסן פֿון דעם גוטן ייִד, וואָס זיי פֿאָרן צו אים.

האָט דער סוחר זיי געענטפֿערט מיט אַ לשון פֿון פֿאַרוווּנדערונג:

— ער איז דאָך אַ קל [2]... וואָרעם איך פֿאָר ערשט פֿון אים. איך בין דערבײַ געווען, ווי ער האָט געטאָן אַן עבֿירה.

האָט זיך דער פֿאָטער אָנגערופֿן:

— זעסטו, מײַן קינד, וואָס דער סוחר דערציילט לפֿי תומו [3]. אָט פֿאָרט ער דאָך פֿון דאָרט.

און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

*

[2] אַ „גרינגער״, ד״ה, נישט קיין ערלעכער ייִד. — [3] סתם אַזוי, נאַיִוו.

און דער זון איז נפטר געוואָרן, און איז געקומען צו חלום צום פאָטער, צום רבי הנ״ל.

און דער רבי האָט געזען, אַז ער שטייט אין גרויס כעס. האָט ער אים געפרעגט:

— פאַר וואָס ביסטו אין כעס?

האָט ער אים געענטפערט, היינו, דער זון, וואָס איז געשטאָרבן, האָט געענטפערט דעם פאָטער אין חלום, אַז ער זאָל פאָרן צום צדיק הנ״ל, וואָס זיי האָבן געוואָלט פריִער פאָרן צו אים, „וועט ער דיר זאָגן פאַר וואָס איך בין אין כעס״.

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך געטראַכט: עס איז נאָר אַ חלום, נישט קיין אמת.

נאָך דעם האָט זיך אים ווידער געחלומט כנ״ל.

האָט ער ווידער געמיינט, עס איז אַ פאַלשער חלום.

און אַזוי איז געווען דריי מאָל.

האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּוסטע זאַך, אַז דאָס מוז עפּעס זיין — איז ער געפאָרן אַהין, דהיינו, דער רבי איז געפאָרן צו דעם גוטן ייִדן, וואָס ער איז פריִער געפאָרן מיט זיין זון אַהין.

אויפן וועג האָט ער ווידער באַגעגנט דעם סוחר, וואָס ער האָט פריִער באַגעגנט, אַז ער איז געפאָרן מיט זיין זון.

און דער רבי האָט אים דערקענט און צו אים געזאָגט:

— דו ביסט זיך דער, וואָס איך האָב דיך געזען אין יענער קרעטשמע?

ענטפערט ער אים:

— אַוודאי האָסטו מיך געזען.

און ער עפנט־אויף דאָס מויל און זאָגט צו אים:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר איינשלינגען.

זאָגט דער רבי צום סוחר:

— וואָס רעדסטו?

האָט ער אים געענטפערט:

— געדענקסטו, אַז דו ביסט געפֿאָרן מיט דײַן זון, איז פֿריִער אַ פֿערד אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער בריק, האָסטו זיך אומגעקערט. דער־נאָך זײַנען די אַקסן צעבראָכן געוואָרן. דערנאָך האָסטו מיך באַ־געגנט, האָב איך דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קל. איז הײַנט, אַז איך האָב שוין דײַן זון געפּטרט, הײַנט מעגסטו שוין פֿאָרן.

וואָרעם דער זון איז געווען אין דער בחינה פֿון מאור הקטן. דער צדיק הנ״ל, וואָס ער האָט געוואָלט צו אים פֿאָרן, איז אין דער בחינה פֿון המאור הגדול. איז ווען זיי וואָלטן זיך ביידע צונויפֿ־געקומען, וואָלט משיח געקומען. הײַנט, אַז איך האָב אים שוין גע־פּטרט, מעגסטו שוין פֿאָרן.

און ווי ער רעדט מיט אים אַזוי, איז דער סוחר פּלוצלינג פֿאַר־שוווּנדן, און דער רבֿ האָט שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו ריידן.

און דער רבֿ איז געפֿאָרן צום צדיק און האָט געשריגן:

— גוואַלד, גוואַלד, חבֿל על דאבֿדין ולא משתכחין. ווי אויף דעם, וואָס איז פֿאַרלוירן געוואָרן און מען קען אים מער נישט געפֿינען!

*

און דער סוחר הנ״ל איז געווען דער סמ״ך מ״ם אַליין.